# אונטערוועגנס

חודש-זשורנאַל
פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים
אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע „אונטערוועגנס“

נויאָרק, מאַי 1934 — נומער 2 — פּרייז 10 סענט

אינהאַלט:

לידער פון: מ. טקאַטש, לייבל בלעכמאַן, ליליען ר. ז.
אַרטיקלען פון: חיים פּרוס, אליהו שולמאַן, א. בייזער,

א. בייזער

## נאַציאָנאַליזם, וואוהין?

אונדזערע נאַציאָנאַליסטן מכל המינים זענען „צופרידן“ מיט די געשעענישן אין דייטש־לאַנד. מיט די אידן דאָרטן האָט געטראָפן אזוינס, וואָס דער שוואַרצסטער טייוול וואָלט זיך נישט געקענט אויסמאָלן. געוועזן אָנגעזען אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן און מיט אַמאָל אויס. געוואָרן נידריקער פון פאַריער. נישט נאָר העלפט שוין נישט די איינטריט קאַרד קיין אייראָפּע ווי היינע האָט אָנגערופן דאָס שמדן זיך, נאָר איין טראָפּן יידיש בלוט פון אַ פאָר דורות צוריק מאַכט קאַליע דאָס שוין געלייטערטע טעווטאָנישע בלאָנדקייט — און יודע פּערעקע! דאַרף מען האָבן אַ בעסערע ראיה אַז די אַסימילאַציע, פּירט אין ערגעץ נישט? נישט אין יידישן, נישט אין גויאישן לאַגער, נאָר אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער. האָבן מיר דאָך אַ שלאָגנדיקן באַווייז, אַז די אסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האָט געפּלאַצט ווי אַ בלאָטער, וואָס איז פול מיט מאַטעריע. געוויס האָט היטלערס שניט איבערן קערפּער פונם דייטשן יידנטום פאַרשאַפט ליידן דעם גאַנצן יידישן פאָלק אָן אונטערשייד פון פּאַרטייען. ס'איז אָבער נישט צום פאַרלייקענען, אַז די נאַציאָנאַליסטן פילן זיך געשמייכלט, אַ מין ויחד יתרו. זייערע פאַראויסזאָגונגען בנוגע קולטורעלע און עקאָנאָמישע פּועל־יוצאס פון דער אַסימילאַציע האָבן איבערגעטראָפן די שוואַרצסטע דער־וואַרטונגען. לעבן זאָל דער נאַציאָנאַליזם! און אונדזערע גדולי הדור האָבן אַפּירגענומען

די אַלטע טייטלען און קנעלן מיט יונגטלאַכן איפער נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל דעם געבאָט „לא תחמוד”. גלוסט נישט קיין פרעמד פאָלק, האַלט זיך ביי דיין אייגן פאָלק! אפילו די ראַדיקאַלן צווישן אונדזערע נאַציאָנאַליסטן פארגעסן אָפטמאָל זייער ראַדיקאַליזם און באַגריסן יעדע נאַציאָנאַלע שפּראַצונג ווען זי טראָגט אפילו אין זיך קערנדלעך פון שאָוויניסטישן סם.

פאר דר. זשיטלאָווסקין (זע זיין אַרטיקל אין „טאָג” פונם 20-טן מערץ „אונדזער יוגנט און אונדזער פאָלק”) איז עס אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס פּלעכאַנאָוו און קראָפּאָטקין, די צוויי גרויסע לערער פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, זענען געוואָרן הייסע רוסישע פּאַטריאָטן אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה. ווייל, ווען עס דראָט אַ געפאַר דיין אייגן פאָלק, דאַרפסטו זיך אָן חקירה ודרישה שטעלן אויף זיין זייט! אַזוי באַפעלט דער בלוטיקער צובונד צו דיין שטאַם. און טאָמער פרואווט די לאָגיק דיר באַווייזן, אַז דיין אייגן פאָלק איז פּונקטלעך אַזויפיל שולדיק אין דער וועלט שחיטה ווי דיין געפערלעכער שונא, פאַרשטופּ זשע אין אַ וויסטן ווינקל די נאַרישע ראַדיקאַלע לאָגיק. פּלעכאַנאָוו און קראָפּאָטקין האָבן געפילט (דער געפיל פון נאַציאָנאַלער געפאַר נאַרט קיינמאָל נישט אָפּ!) אַז דער דייטשער מיליטאַריזם איז דער איינציקער שולדיקער אין דער וועלט מלחמה. דער רוסישער אימפּעראַליזם מיט זיין אויסקוק אויף די דאַרדאַנעלן איז גאָט די נשמה שולדיק!

מיט אַ טויזנט יאָר צוריק האָבן די דאַרדאַנעלן באַלאַנגט צו דער ביזאַנטישער אימפּעריע, און רוסלאַנד איז דאָך, ווי באַוואוסט, די יורשטע פון יענער אימפּעריע, געהערן די דאַרדאַנעלן, לויט אַלע כללים פון דער נאַציאָנאַלער לאָגיק, צו רוסלאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז פּונקט אויף עגלעכע וועגן פון נאַציאָנאַלער לאָגיק זענען אויך געגאַנגען די שיידעמאַנס און נאָסקעס — און פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן צוויי אונטערשטופּער פון נאַציאָנאַלע אימפּעראַליזמען. לענין, דער רעוואָלוציאָנער נישט אויף קאַטאָוועסן, איז נישט צעקראָכן געוואָרן, ווי פּלעכאַנאָוו, ווען דעם רוסישן צאַריזם האָט געדראָט אַ „נאַציאָנאַלע געפאר”. דער אינטערנאַציאָנאַליסט לענין מיט די איבעריקע צימערוואַלדאָווצעס האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די אימפּעריאַליסטישע סבות פון דער וועלט מלחמה און געשטעלט זיך אַקעגן איר, נישט מורא האָבנדיק געשטעמפּלט צו ווערן אַלס פאַררעטער פון דעם „הייליקן פאָטערלאַנד”.

אַז לענין איז געווען אַ רוסישער פּאַטריאָט און באמת ליב געהאַט די רוסישע שפּראַך און קולטור, האָט אונדז דר. זשיטלאָווסקי איבערצייגט אין אייניקע אַרטיקלען, ברענגענדיק ציטאַטן פון לענינס כתבים. האָבנדיק אָן שום צווייפל קאָסמאָפּאָליטישע נייגונגען, האָט לענין פונדעסטוועגן פרידלעך געלייזט דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין פיל פעלקערלעכן ראַטן־פאַרבאַנד. און די נאַציאָנאַליסטן מכל המינים, וואָס שטייען ביים רודער אין אייראָפּע און אַזיע, האָבן נאָר פאַרשאַרפט די שוין עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע צוויסטיגקייטן, וואָס וועלן סוף כל סוף דערפירן צו אַ נייער בלוט־באָד.

אין דייטשלאַנד האָט דער נאַציאָנאַלער סענטימענט צווישן די ברייטסטע מאַסן אָנגענומען אַזעלכע מאָנסטערישע פאָרמען, אַז סאיז באמת צייט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן מהות פון נאַציאָנאַליזם. ווען אַ אידעאָלאָגיע, פאַרקערפּערט אין לעבן, קריגט אַזעלכע שטעכיקע דערנער, ווי אין פּוילן, טערקיי און דייטשלאַנד, איז נויטיק צו רעווידירן די גאַנצע אידעאָלאָגיע אפשר פאַרמאָגט זי אין זיך אַזעלכע קערנדלעך, וואָס על פּי הכרח צעוואַקסן זיי זיך אין שטעכיקע דערנער.

די ווערט פון אַ באַוועגונג טאָר מען נישט שאַצן לויט איר אידעאָלאָגיע, נאָר לויט איר פאַרקערפּערונג אין לעבן. דער מאָנאַרכיסטישער אידעאַל אין די שריפטן פון



די רוסישע סלאַוויאַנאָפילן האָט געקענט לאָקן מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישער שיינקייט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז די הערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס געווען נאָר אָפּשטויסנד. דער האַס פון אַ סך יונגע יידישע נשמות צו יעדן מין נאַציאָנאַליזם, איז געקומען, נאָך דר. זשיטלאָווסקין, פון זייער פאַרקריפּעלטן נאַציאָנאַלן געפיל.

אפשר גאָר, חשובער דר. זשיטלאָווסקי, איז דער דאָזיקער האַס — אַן אָפּקלאַנג פון דער פאַרקריפּלטער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, ווי זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין טערקיי און אין פּוילן?

אויב דער נאַציאָנאַלער געפיל פון דייטשן פאָלק האָט געקענט געבן אַזעלכע ביטערע פרוכטן, ווי דעם היטלעריזם, איז אפשר כדאי פונסניי צו באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע אונטערן קעפּל : —

— נאַציאָנאַליזם, וואוהין?

## מ. טקאַטש

# לידער

### I.

### איין גרויסע הויז

איך וואַרף דעם וואַנדער־שטעקן
און שטויב מיר אָפּ די שיך.
ווי גאָט, אין אַלע עקן
אַן אָרטיקער בין איך.

האָב שטויב גענוג געשטויסן,
איך גיי ניט מער אַרויס.
ס'איז גאָר ניטאָ קיין דרויסן,
נאָר בלויז איין גרויסע הויז.

דאָס צימערל דאָס קלענסטע
איז גרויס גענוג פאַר מיר;
גאָט זע איך פון מיין פענצטער,
די שכנים — פון מיין טיר.

### II.

### און וועט דער יאוש . . .

און וועט דער יאוש ווילד פון פיין
מיט קרעציק־קראַנקע לענדן
אין טעמפּל פון מיין פרייד אַריין
צו לעסטערן און שענדן,
וועט פרייד אַ הייליקע אין שיין
אים, ווי די זון, פאַרבלענדן.

און בלייבן וועט ער פּלוצלינג שטיין —
אַ חיה פאַר אַ פייער —
און וויינען וועט ער דאָס געוויין
פון חושך אין דער חיה,
פון שרעק אין קינד, וואָס קומט צו גיין
אין העלער וועלט אין נייער.

נאָר, ווי דורך רעגן לאַכט די זון,
וועט לאַכן פרייד אין פּנים,
און טאַנצן וועט זיין בלוט דערפון,
ווי נאָכן רעגן — שטראָמען,
און פרייד וועט רופן אים: „מיין זון
התלהבות איז דיין נאָמען!”

חיים פרוס

# דער רבי און גולם — ווער איז ווער?

שוין אַ לענגערע צייט אַז איך ווער פאַרפאָלגט פונם גולם־מאָטיוו, און ווי אַ בייזער שאָטן וויל ער אויף אַ רגע פון מיר ניט אָפּטרעטן. אַ באַליידיקטער באַווייזט זיך דער גולם פאַר מיינע אויגן, בעט, פאָדערט און מאָנט אַז מ׳זאָל „צוריקרופן” די קינדישע אומבאַהאָלפנקייט און אינערטישע געהאָרכזאַמקייט, וואָס סיי די רויע לעגענדע, סיי די מאָדערנע סימבאָליק האָט מיט אומרעכט אים אָנגעטשעפּעט. און טענות האָט ער זייער אַ סך. אָט למשל פרעגט ער: פאַרוואָס אַזאַ פאַראַכטונג צו אים פאַר זיין חשק צום רבינס שיינער טאָכטער? אַ געפיל וואָס איז אַזוי נאַטירלעך פאַר יעדן בשר ודם. אים איז אויך זייער שווער צו באַנעמען פאַרוואָס דער רבי איז אַזוי בייז אויף אים און בלויז דערפאַר, וואָס אַנשטאָט פּוסט־און־פּאַסעווען פאָדערט ער פאַר זיך אַקטיוויטעט און איניציאַטאָרישע זעלבסטשטענדיקייט. און נאָך און נאָך האַרבע קשיות פרעגט דער גולם. קשיות, פון וועלכע אינם ליכט פון טאָגטעגלעכע פּאַסירונגען—מ׳ווערט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט. און גאַנץ אָפט ווערט ווי פון זיך אַליין אַרויסגעשיילט די פראַגע: אפשר? אפשר איז דער „גולם” סוף כל סוף גאָרניט אַזוי גולמוואַטע ווי מ׳מיינט? און אפשר לוינט זיך איינצוהערן צו זיינע אויסזעצונגען קעגן יענע וואָס האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען „גולם”?

* * *

אין די לעצטע יאָרן, זינט דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, מערקט זיך אַ כאַראַקטעריסטישע און אויבנאויפיק אָן אומנאַטירלעכע דערשיינונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. די חוצפּה, „אַרונטערצורייסן” אַנערקענטע גדולים, איז אַרויס פונם רשות פון בלויז פּריווילעגירטע יחידי סגולה. זי האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־פּסיכאָז. עפּעס מיט אַמאָל זענען די ברייטע מאַסן ווי אַרויס פון די האָלאַבליעס. מ׳הויבט זיך מער ניט אויף פאַר קיין „זקן” און ווי אָפּגעווישט זענען געוואָרן די ד׳ אמות וואָס האָבן שטענדיק אָפּגעגרעניצט דעם תלמיד חכם פונם אַלטעגלעכן מענטשן. זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך וואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן און יונגעלייטלעך וועלכע האָבן ערשט נעכטן געשטאָלצירט מיט זייער פאַרהערלעכונג פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער אָדער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט — זיצן היינט אַרום טישלעך אין די רעסטאָראַנען און חוזקן בגלוי־ראש פון זייערע געוועזענע געטער. מיט איין וואָרט: —„ניטאָ קיין מלך” און יעדערער טוט ווי אים געפעלט. איז מיט וואָס זשע דערקלערט זיך אָט דער אומגעהויערער דראַנג מצד דעם מאַסנמענטשן, דורכצורייסן דעם דיקן וואָלקן וואָס היינגט צווישן אים און זיינע וואָרט פירער? איז עס דערפאַר ווייל דער „טאָל” האָט זיך מיטאַמאָל ווי אונטערגעהויבן אָדער איז די סבה אפשר דאָס וואָס דער „באַרג” איז לעצטנס גאַנץ היבשלעך פאַרפלאַכט געוואָרן?...

ווי ווייט דאָס איז נוגע אונזער יידישן געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן לעבן דאָ אין לאַנד, וועלן מיר לאָזן די פאַקטן רעדן פאַר זיך:

אַ יובילעי־פייערונג אין ניויאָרק לכבוד דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

אין זאַל — מער אַטמאָספערע פון אויסלעשונג איידער פייערונג. דער עולם — ווי בכיוון אימפּאָרטירט פון אַ מושב זקנים. אַ געמיש פון: שרייבער — געקומען אָפּפּאָכן די שטיקעווודיקייט מיט אַ פּאָר דורכגעלעכערטע זכרונות־בלעטלעך פון דער פּריץ־עפּאָכע; „קענדי־סטאָר”־ קרעמערלעך וואָס ווילן אַ גלאַנץ טאָן צווישן היימישע: איר פאַרשטייט? אין הויז — פּרענסיסל און דזשעקעלע אָבער דאָ... אַ פּאָר משכילים וואָס געדענקען נאָך שטעלן פון „גר צדק” בעל־פּה, און אַ בינטל סתם אַזוי בלית־ברירהדיקע יידישיסטן אַרומגעשטעלטע מיט באַנקעס... קורץ: — קורץ, געקומען שטעלן ליכט, די פייערונג איז אינסצענירט פון די „יונגע שוואַלבן”־גראַדואירטע מיטלשולניקעס. באַזאָרגט הייסט עס ב״ה די ירושה מיט „לעולם־ועד”קייט. אי דאָס, וואָס צווישן זיך, איז די שוואַלבן־שפּראַך פּונקט אַזוי „גאָדעמ׳עדיק” ווי ביי אַנדערע יידישע קינדער אין ניויאָרק. אָבער עס מאַכט ניט, די אַלטע „דודס” דאָ אין זאַל וועלן זיך מיט אַזעלכע „שונמיתלעך” ווי ס׳ניט איז אונטערוואַרימען... דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף און דאָ קומט דער קלימאַקס פון דער טראַגעדיע: דר. זשיטלאָווסקי, דער וועטעראַן פון יידישיזם, דער פייער־זייל פון אונדזער גלותיזם, איינער פון די הויפּט־העלדן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ רעדט אַ שטונדע צייט, אַ גאַנצע שעה רעדט ער און מ׳זעט ממש בחוש ווי דר. זשיטלאָווסקי ווענדעט אָן אַלע זיינע המצאות און אָראַטאָרישע פעהיקייטן צו מאַכן פונם יאָרצייט אַ ווידערגעבורט. אָבער עפּעס ווי אַ בייזער מלאך וואָלט געשטאַנען אונטער אים און ווי אויף צו להכעיס געצויגן זיין צונג אויף צוריק אַהין, עט ווייט צוריק מיט צענדליקער יאָרן... ער רעדט וועגן אַלץ, וועגן קאַמף פאַר יידיש, קאַמף קעגן עמי הארצות, קאַמף קעגן אַסימילאַציע אָבער אַלץ... אַמאָל, אַ וואָרט ניט וועגן „היינט” — דעם ביטערן היינט. אַ היינט אין וועלכן עס גייט אָן אין פולן ברען דער פאַרניכטונגס־פּראָצעס פון דער יידישער שפּראַך; ווען עס ווערט מיטן פייער אוועקגעטראָגן דער גאַנצער שניט פון אַזויפיל יאָרן מי און פּראָצע; ווען עס דאַרן און טרוקענען די וואָרצלען פונם יידישן שאַפן אין אַמעריקע. נאָר פּלוצלונג זענען די שטרענגע לאָגיקער אונדזערע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיסטישע פאַנאַטיקער און וואַרפן אין דער פּושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס: „דער אויבערשטער האָט אונדז שטענדיק געראַטעוועט מסתמא וועט ער אויך ווייטער העלפן”...

שטיין די יונגערע סאָלדאַטן אין אָפּרו צייט צווישן איין שלאַכט און אַ צווייטער, שטייען, און פאַרגאַפטע הערן זיי זיך איין צום אַלטן פעלדמאַרשל וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַלטמאָדישער שווערד, און דערציילט באַגייסטערנדיקע זכרונות פון „באָראָדינאָ”... נאָר אָט דערהערט זיך אַ שראַפּנעל־אויפרייס און פון דער לופט נעמט האָגלען מיט באָמבעס, און אַרום דעם אַלטן פעלדמאַרשל ווערט פּוסט און לער ער שרייט, גיט באַפעלן אָבער...

צעלאָפן זענען זיך די זעלנער אונטערן באַפעל פון די יונגערע קאָמאַנדירן; צעשאָטן האָבן זיי זיך אין די טרענטשעס. יעדער לויטן סיגנאַל פון זיין פאַנען־טרעגער ווייל . . .

אין צייטן פון קאַנאָנען און טענקס קען מען מיט קיין בעבלעך ניט שיסן . . .

* * *

אַ יום־טוב לכבוד ש. ניגערס ליטעראַרישער טעטיקייט. מיט דר. זשיטלאָווסקין אַלס טאָן־געבער פונם אָוונט.

דער זעלביקער מערידנדיקער עולם. די אַפּלאָדיסמענטן־במתונדיקע מיט ישוב־הדעת ווי מיט נעגל. און איז עס דאָך עפּעס ש. ניגער! האָט ער דאָך שוין אויסגעגעבן מוזיניקעס אין אונדזער ליטעראַטור! און דאָ: — קיין זכר ניט אפילו פון קיין יוגנטלעך־ליידנשאַפטלעך ענטוזיאַזם פון תלמידים צו אַ רבין, אָט ווי מ׳זעט עס למשל ביי די אומות העולם, נאָר אַלץ דאָ — אַזוי מהיכא תיתאדיק אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט מיטליעריקער באַבייכלטקייט. און דר. זשיטלאָווסקי פאַרמאַכט די אויגן — הפּנים ניט צו זען דעם עולם און שטעלט דעם טאָן.

אַזוי און אַזוי, דאָס און עפּעס אַנדערש. אָפּגעפּטרט דעם פּערזענלעכן טייל פונם אָוונט

וואס דער בעל היובל האט עם כשר פארדינט — נעמט ער זיך צו די ווידערשפעניקער פון יידיש בכלל. און וועלנדיק באווייזן אז יידישע שרייבער דארפן כלל ניט זיין געפאלן ביי זיך מיט זייער לשון רופט ער פאטעטיש אויס: נישקשה ניט, די וועלט וועט שוין ווי ס'ניט איז אויפכאפן דאס גניאלע און אלמענטשלעכע ביי אונדז אפילו, ווען ס'איז געשריבן אין א שפראך אן א לאנד! א סימן... די נביאים: זיי האבן דאך געמוסרט און געפריידיקט אין קיין אנדער שפראך אויסער העברעאיש און דאך א. א. וו. א. וו.

שטייט איר, הערט און שטוינט.

וואס פאר א משונה'דיקער פארגלייך? די נביאים — די פיאנערען פון אוניווערסאלן יושר; האבן גערעדט פון א טריבונע — זייער טריבונע; פאר זייערע אויגן האבן זיך געשפרייט אייגענע לאנדשאפטן; האבן פארמאגט מעכטיקע שונאים: אייגענע — פאר זייער נבואה און פרעמדע — פאר זייער פאלק. אבער אלץ אזוי געזונט, איינגעפונדעוועט און נארמאל; די גאנצע סביבה ארום זיי איר שיינקייט און מיאוסקייט — פלייש פון זייער פלייש און ביין פון זייער ביין און גערעדט האבן זיי וויזיאנעריש־אמת צו דער גאנצער וועלט אבער אין לעבן: בלויז צו זייער פאלק — איין איינהייטלעך אויסגעגאסענער קבוץ מיט ספעציפישע נאציאנאל־ממשותדיקע לעבנס־פארמען.

און מיר איצט?!...

אלץ דוכט זיך אזוי קלאר.

אבער דער פירער לאזט פאלן זיין אומפארשטענדלעכן באפעל: „נאסטופאט"!

— פון גליענדיקע מדבר־זאמדן זאל מען ציען וואסער, און יידישע פאעטן עסעאיסטן און נאוועליסטן מוזן פון אט די דאזיקע „דערפרישנדיקע קוואלן" אינספירירט און באגייסטערט ווערן!

* * *

און אזוי ווייטער און ווייטער.

געפינען זיך א פאר טאלאנטפולע קינדער, קינדער פון יידישע שרייבער פירן זיי אויף א פאר איינאקטערס אין יידיש, אנגעשריבן פון זיי אליין. קומען קינדער אין נאמען פון קינדערישער חברישקייט, מעלה־גרהט מען „טשיווינגאם" און מע'פלאפלט אין א פראכטפולן... ענגליש. איז די שפראך אין מויל ביי זיי אן אידיאמאטישע, מלא זאפט, בוייגיק און מיט אלע תנימלעך. און די פאר יידישע פראזן וואס זיי זענען שוין יא מפיל — ווערט עס ארויסגערעדט מיט גרוים כונה, ווי פון יוצא ווערן. איז דער אויסדרוק קאלט און הארט און שטום; קומען די ווערטער ארויס עדיטאריעליסטיש־טרוקן, אץ־קוצידיק, אן פירוש המלות אן לייב און לעבן. דאס שאדט פונדעסטוועגן ניט אז ערנסטע שרייבער זאלען נאכער ארויסקומען מיט באגייסטערטע ארטיקלען און אנרופן די דאזיקע, „נאסליעדניקעס" אונדזערע „גרינע און ראזעווע בלומען" וואס האלטן זיך ביים צע... און אנדערע אזעלכע הויך־קלינגענדיקע נעמען. ווער שמועסט נאך אז א סימפאזיום וועגן יידיש ווערט ערגעץ אראנזשירט פון יידישע מיטלשול קינדער — טאקע די זעלביקע קינדער פון דער אויבנדערמאנטער פארשטעלונג, מיט די זעלבע איין־אקטער־שרייבערס אלס רעפערענטן — דאן איז ממש טויב צו ווערן פונם קלונג־און־קלאנג פון אונדזערע געשווארענע קירכן־גלאקן: „אמעריקאנער קינדער, איר הערט? — ממש געבוירענע אמעריקאנער קינדער עוסקן זיך, און שמועסן זיך אדורך וועגן אונדזער אלטער יידישער ירושה"!

און וואויל איז אונדז און גוט. מיט אפיטרופסים פאר אונדזערע אוצרות האבן מיר



זיך שוין א דאנק זיין ליבן נאמען באזארגט. איצט מעגן מיר זיך שוין אויסציען שמייכלענדיקע און שליסן די אויגן אונדזערע מיט א געטלעכן קוש אויף די ליפן.

און ווען אלע בוימער זאלן פארוואנדלט ווערן אין שרייבפעדערס און אלע הימלן — אין פאפיר וואלט דען מעגלעך געווען צו באשרייבן אלע ריזיקע „דערפאלגן" און די געוואלדיקע „פארשריט" וואס יידיש מאכט איצט דורך אין אמעריקע?

און, באווייזן? — אה! פון אל מינים, פון פארשיידענעם וואוקס און איבערהויפט — פון פארשיידענעם עלטער...

איז טאקע אוממעגלעך עס צו טאן איצט. און מירן זיך דערווייל מוזן באנוגענען בלויז מיט דעם וואס איז דא אויבן אנגעוויזן געווארן.

* * *

בושעוועט איצט אן אוראגאן אין דער וועלט־ליטעראטור. הויכע ספערן וואלגערן זיך אויף דער ערד־פלאך און זאמד־שטויבעלעך טראגן זיך מיט בליציקער שנעלקייט ארויף צו. אויך אלטע איינגעבירגערטע פארמען שטעלט מען אוועק א „תנצב"ה" און נעכטיקע סקעלעטן באקליידן זיך מיט הויט און פלייש און שטייען אויף תחית המתים. איז מילא — די אלטע יאק די אלטע: יעדער פון זיי האט זיך שוין זיין טישל אין קאפעי און ציט זיין „אינקאם" פונם אמאל... אין קאלעמוטנע רגעס טרייסט מען זיך: הע! זאל נאר אפגיין די קריע און זאלן די וואסערן אריין צוריק אין די ברעגעס דאן... אבער אט באווייזט זיך א יונגער, א נייער מיט א פריש צאפלדיקער טעמאטיק און מיט נייע פארמען און פון אלע זייטן גיבן זיך א שיט פראגן: „מה טיבו של עבור זה"?

איז אין אונדזער ליטעראטור פאראן איינער אזא און קיינער ווייסט ניט מיט וואס אים צו צעקייען.

שרייבט לוצקי לידער „אינם ריטם פון א פראזע וואס איז ניט גערדיכט גענוג צו ווערן פאעזיע".

טראגט זיך לוצקי ארום מיט א בינטל בריף — הסכמות פון אלע גדולי הדור. האבן אלע אים געקרוינט פאר א קינד וואס האט מורא פאר דער וועלט און האט בעת מעשה געוואלדיק הנאה פון איר. האט מען אלע זיינע חכמות אנגענומען פאר גוט, מען האט מיט אים מכבד געווען געסט וואס זענען געקומען גוט־שבת ביטן: אי, אי, אזא טייער קינד! אז אלץ פארשטייט עס, רעדט ווי א דערוואקסענער! און מ'האט דאס קינד געלאזט זויגן דאס פינגערל. איז דאס קינד ארויס מיט א צווייטן בוך חכמהלעך. און דאס גאנצע כאר, וואס האט ערשט געזונגען הלל הגדול — האט מיט אמאל ווער העכער ווער נידעריקער — אים צוגעווארפן א זיי געזונט און זיך אפגעקערט פון אים: אלס קינד האבן אלע געזאגט — האבן מיר דיך ליב געהאט, צו א דערוואקסענעם אבער שטעלן מיר העכערע פאדערונגען.

איז ווער זשע האט גענדארפט זיין דער ערשטער ארויסצוגעבן א קלארן פסק דין איבער לוצקי'ן?

פארשטייט זיך דער וועלכער פארנעמט דעם בכבודיקן אויבן אן אין דער יידישער קריטיק.

האבן אלע אנגעשטעלט מויל און אויערן און... גארניט געהערט.

ש. ניגער האט קיינמאל ניט ארונטערגעווארפן לוצקין פון זיין פלאץ אין דער יידישער פאעזיע. ער האט עס ניט געטאן פשוט דערפאר ווייל ער האט קיינמאל אים אין ערגעץ ניט אוועקגעזעצט. ער האט בכלל נאך קיין שום פלאץ ניט באשטימט פאר אים אין אונדזער ליטעראטור. יעדער וואס פאלגט נאך ניגערס אפהאנדלונגען איבער יידישע שרייבער, קען

גאַנץ גענוי כמעט ביאָלאָגיש אָנווייזן אויף יעדן פון זיי וואוהין ער באַלאַנגט לויט ניגערס אָפּשאַצונג. לוצקין האָט ער קיינמאָל ניט קאַטעגאָריזירט, קיינמאָל ניט אָנגעוויזן ווער זיינע טאַטע־מאַמע זענען. דאָ און דאָרט — אָפּגעהאַקטע שטיקלעך רמזים וועגן אים. געשריבן אין אַ טאָן פון מגלה טפח... און זעלבסטפאַרשטענלעך, אַז דער ערשטער קרבן איז געפאַלן טאַקע לוצקי אַליין. ווארום וואָלט ניגער געווען אים אָנגעצייכנט דעם וועג אויף וועלכן ער וואָלט לויט זיין מיינונג זיך געוועץ געדאַרפט פאַרנומען; וואָלט ניגער אויף אַ געהעריקן אופן געווען אָנגעטופּעט אויף אים: אַז ניט אייביק בלייבט מען אַ קינד; וואָלט ער זיך געווען מטריח געווען צו לוצקין אין וואַרשטאַט נאָך פיל פריער איידער דאָרט איז אויסגעהובעלט געוואָרן דער בראשית אינמיטן — וואָלט אפשר דער בראשית אינמיטן זיך געווען אָנגעהויבן פון אָנהויב (אָדער פון סוף...) און ס׳וואָלט אויך געווען פאַרשפּאָרט ניגערן דאָס בייזערן זיך: הלמאי לוצקי טראָגט זיך אַרום מיטן וואַרשטאַטל אין בוזעם־קעשענע.

האָט דאָך ש. ניגער אַליין געשריבן, טאַקע אין שייכות מיט לוצקין: אַז דער גאַנצער סוד פון „מעשה בראשית״ באַשטייט בלויז אינם אויסגעפינען דעם פּאַסיקן נאָמען פאַר יעדן באַשעפעניש.

אין דעם פאַל אָבער איז דער טרעגער פון וואָרט קיינמאָל ניט געוואָרן אויך דער טרעגער פון טאַט...

שוועבט טאַקע לוצקי ווי אַ פאַריתומטער גלגול אין עולם התהו, און קען ביי קיינעם קיין תקון ניט קריגן.

דרייט ער זיך אַרום אָן אַ נאָמען. און רופט אים עמיצער און וואָלט וועלן אים עפּעס זאָגן — איז ווי ניט אים מיינט און ער שפּאַנט זיך ווייטער...

און די יונגעלייטלעך, די „מאַסאַוויקעס״ זענען פאַרשטייט איר מיר ווי קינדער אין אַ שול: — דערשמעקט אַז דער רבי איז עפּעס „ניט אין דער שטימונג״ היינט צו ענטפערן אויף פראַגן ווערט די דיסציפּלין געבראָכן און חברה צעלאָזט זיך אויף טיש און אויף בענק...

* * *

חייִם נחמן ביאַליק איז געוואָרן אַ בן ששים און אַלע כלי קודשניקעס זינגען „אהבתי״.

און שמואל ניגער אויך בתוכם.

האָט ער אונז געלאָזט וויסן (אין אַן אַרטיקל אין „טאָג״) אַז ביאַליקס אומפּראָדוקטיוויטעט (אין פערציק יאָר — קנאַפּ הונדערט דרייסיק לידער) נעמט זיך פון דער דינאַמיק אין זיין פּאָעטישן מהות. ס׳זאָל הייסן אַז ביאַליקס פייער איז אַזוי פאַרצערענד אַז נאָך יעדן פּאָעטישן אויפברייס זיינעם וואָס איז אַזוי גרונטאַוונע — בלייבט בלויז איבער אַן אויסגעלערטער חלל צו וועלכן מ׳קען זיך שוין אַ צווייטן מאָל ניט אומקערן.

ווערט עפּעס פריקרעדיק. ניין, טאַקע מוראדיק קשה.

ווייסט יעדער איינער אַז דער „יידישער״ צוגאַנג צו ליטעראַטור איז לחלוטין אַנדערשדיק פונם העברעאישן; אַז סיי צו דער טעמאַטיק סיי צו אירע פאָרמען זענען די פאָדערונגען פון אָט די צוויי כתות גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק. און נאַטירלעך מוז די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקייט זיך אויך אָפּשפּיגלען אין דער אָפּשאַצונג איבער די פּאָרשטייער פון די צוויי ליטעראַטורן.

איז וואו נאָך דען בולטער קען זיך די דאָזיקע אַנדערשדיקייט אַזוי קלאָר אָפּשפּיגלען, ווי אין דער אָפּשאַצונג פונם אַרכי־אָפּיציעלן „יידישן״ קריטיקער איבערן פּאָעט־לאַורעט פון דער העברעאישער ליטעראַטור?

איז קודם נויטיק אָנצוּווייזן דעם חשובן ש. ניגערן אויף אַ גאַנץ היבשן טעות (און אויך



אַ גאַנץ וויכטיקן) וואָס ער האָט געמאַכט בנוגע דער צאָל יאָרן פון ביאַליקס שאַפונגס פּעריאָד. נעמלעך: אַז אַנשטאָט פערציק יאָר האָט ביאַליק געשריבן קוים צוואַנציק יאָר און די פליגל האָבן זיך ביי אים אונטערגעהאַקט. און ביאַליק איז דערווייל דער איין און איינציקער ביי אונדז וועלכער האָט ביים לעבן נאָך זוכה געווען צו צוויי יובילייען: אַ ריידנדיקן און אַ שווייגנדיקן... מחמת שוין אין 1917-18 האָט נתן ביסטריצקי אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין השלח אונטערן קעפּל „שתיקתו של ביאַליק״ ד. ה. אַז שוין מיט זיבעצן יאָר צוריק האָט מען גערעדט פון ביאַליקס שווייגן ווי פון אַ לעגענדע.

אין יענעם אַרטיקל איז אויסגעדריקט געוואָרן די „איבערצייגונג״ אַז די דאָזיקע שטילקייט ביאַליקס, איז ניט קיין בית־עלמינדיקע חלילה נאָר אַ שטילקייט פאַר אַ שטורם. און וואָס פאַר אַ שטורם ביאַליק האָט עס אָנגעמאַכט פאַר די לעצטע זיבעצן יאָר — ווייסן מיר אַלע. אַזוי אַרום וועט עס מיינען, אַז אין די צייטן ווען ביאַליק האָט יאָ געשריבן איז ער גראַד געווען גאַנץ פּראָדוקטיוו. והשנית קען מען זייער לייכט אָנווייזן אויף צענדליקער לידער ביאַליקס לידער סיי פון נאַציאָנאַלן סיי פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער — וואָס זענען פון דער זעלביקער טעמע נאָר אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. און דריטנס, איז עפּעס דער גאַנצער „ביאַליק־בום״ אַ היבש ביסל פּגימהדיק.

לאָמיר אַ טראַכט טאָן: שוין צוואַנציק יאָר אַז די וועלט סמאַליעט זיך אין פלאַמען. פלאַמען, אין פאַרגלייך מיט וועלכע, „משא נימירוב״ איז אפילו ניט, כקליפּת השום. און האָבן מיר דאָך אויך עפּעס אַ שטיקל חלק אין די דאָזיקע פלאַמען! גאַנצע קאַדרעס מיט דיכטער זענען אויסגעטראָגן געוואָרן, געבאָרן און ווידערגעבאָרן געוואָרן און די וויען פון דער דאָזיקער תקופה. און ביי אונדז אַליין: לייוויק, משה לייב און צענדליקער אַנדערע פון דעם זעלביקן שניט. צוויי סאָציאַלע מאַנסטער־כחות ראַנגלען זיך ביים ראַנג פון אַ ריזיקן פעלז און אונטן — אַן אָפּגרונט אַ פינסטערער, דאָס מויל צעעפנט, גרייט איינעם פון זיי איינצושלינגען. און ער, דער משורר הלאומי, „משורר הגלות״, „משורר התחיה״, דער דיכטער פון צער און צאָרן, און דער דירעקטער יורש פון אונדזערע נביאים, ער רוט זיך אין זיין געצעלט אונטערן שאָטן פון אַ פייגנבוים און לענט אונטער זיין האַרץ מיט אַ שלש־סעודותדיק דרשהלע פאַרן עונג שבתדיקן קבוצל אין תל־אביב.

און אַלץ וואָס ניגער קען אונדז לאָזן הערן וועגן ביאַליקן איז בלויז:

„אַז ביאַליקס אומפּראָדוקטיוויטעט דאַרף מען זוכן אין דער וואָגיקייט פון זיין געזאַנג״.

און דער מאַסנמענטש?

גאָרניט, ווי זאָגט טביה: „בגפּו יבא בגפּו יצא״.

* * *

מעשה־גלאַנץ.

דער נאָמען א. לעיעלעס־גלאַנץ איז אַלעמען גוט באַקאַנט. ווייסן אַלע אז ער באַלאַנגט ניט צום יענעם סאָרט פּאָעטישע דאַמען, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך דעם „דאַל־טיפּ״ אין דער יידישער פּאָעזיע... זיין קאָליר איז ניט אַזאַ צוליב וועלכן מ׳קען אַריינפאַלן אין אַ טעות. פאַר דעם איז ער צו כאַראַקטעריסטיש און אויסדרוקפול. די געזיכטס־שטריכן פון זיין ליד זענען פון אַזאַ באַשטימטקייט, אַז אפילו אַ בלינדער אין מיטן דער נאַכט קען זיי מיט די הענט אָנטאַפּן. און דער עיקר: איז ער דאָך אַזוי אַנדערשדיק און ניי — ביי אונדז יעדנפאַלס זיכער, אַז מ׳קען אים בשום אופן ניט אויפרופן „עם כל הנערים״... מיט אים איז אָדער אָדער: אָדער מ׳דאַרף אים מודיע זיין און וואָס העכער אַלץ בעסער און אָן שום צווייטיקייטן — אַז ער מעג זיך טאַקע זיין דער געבילדעסטער מענטש אין דער וועלט אָבער

קיין דיכטער איז ער ניט. אָדער: מען מוז מיט דער מעגלעכסטער קלאָרקייט אָנווייזן אויף דער דיכטערישער קייט פון וועלכער ער איז אַ רינגעלע. האָט גלאַנץ אָנגעשריבן אַ פּאָעמע צו דיר — צו מיר. איז די פּאָעמע, נאָך איר ארויס פון דרוק געוואָרן אַ רשות הרבים, וואו יעדער איינער איז בארעכטיקט אוועקצוזעצן זיך וואו אים געפעלט. האָט מען זיך אויס־געזעצט. און די מזרח־שטאָט איז פארשטייט זיך רעזערווירט געוואָרן פאר יענעם, וועלכן מ'האַלט — אז ער איז אמפּאַסיקסטן בארופן צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט אין אַזאַ וויכטיקן ענין. האָט ניגער געזאָגט זיין לעצט וואָרט אין אַן אַרטיקל (אין „טאָג") איבער דער דאָזיקער פּאָעמע. איז אויב איר ווילט באַקומען אַ באַגריף פון דעם וואָס מ'האָט פון אים דערוואַרט און וועגן דעם תמצית פון דעם וואָס ניגער האָט געזאָגט, מוזט איר זיך פאָרשטעלן דאָס פאָלגענדע בילד:

אַ מאַסע מענטשן האָבן זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן פארזאַמלט ארום ניגערס הויז. געוואַרט, מיד געוואָרן שטייענדיק, און ווייטער געוואַרט אַז ניגער זאָל זיך אויפן באַלקאָן באַווייזן. אַלע האָבן אין קולי קולות געהאַלטן אין איין יובעלן: זאָל אונדז דער רבי לערנען תורה זאָל אונדזער לערער מסביר זיין פאר אונדז אַ פּרק אין הלכות־גלאַנץ: וואָס איז ער און וואָס באַדייטן זיינע מאָדנע רייד? פּלוצים דערטראָגט זיך צום עולם עפּעס אַ שטימע גאָר ניט קיין לעבעדיקע נאָר עפּעס אַזוי פארדומפּן ווי פון אַ גראַמאָפאָן להבדיל און ניט וועגן גלאַנצן נאָר וועגן פּאָעזיע בכלל. און פאַרענדיקט האָט דאָס טרובעדיקע בת קול: „דאָס רעדט דער ענגלישער פּאָעט קאָלרידזש". צווישן עולם דערהערט זיך אַ געמורמל און איינער קוקט אויפן צווייטן פארוואונדערט: אפשר פארבלאָנדזשעט האַ? אפשר נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויפן נומער פון הויז?... איידער אָבער וואָס ווען און אַ נייער רעקאָרד איז שוין אָנגעשטעלט געוואָרן און שפּילט זיך ווייטער. און אַלץ ניט וועגן גלאַנצן נאָר וועגן פּאָעזיע בכלל און דר סוף: — „דאָס רעדט אַרלינגטאָן־ראָבינסאָן". און אַזוי ווייטער און ווייטער רעקאָרדס פון טויטע און פון לעבעדיקע ביז דער אומגעדולדיקער עולם איז ארויס פון די כלים, זיך צעפּאָכעט מיט די הענט און גענומען ליאַרמען: ניגער ניגערן ווילן מיר! מיר ווילן הערן זיין לעבעדיק קול! ענדלעך האָט זיך ש. ניגער באַוויזן אויפן באַלקאָן און מיט אַ שטימע ווי יום כפור פארנאַכט צו מנחה דערקלערט אַז: „נעמענדיק אין אכט דאָס וואָס מיינע פריינט האָבן נאָר וואָס דאָ געזאָגט פאר אייך, רעכן איך אַז אין גלאַנצס פּאָעמע פעלט עפּעס. ס'הייסט אויב אייך געפעלט זי גראַד איז מהיכי תיתי מיר אָבער איז זי ניט אַזוי שטאַרק צום הארצן. דאָס מיינט נאַטירלעך ניט אַז כ'בין גוזר אויף אייך מיטן „קבלו דעתי" אָבער לויט מיינע דרכים פיל איך עפּעס ניט אַזוי... כאָטש פאר קיין „הלכה למשה מסיני" דאַרפט איר עס חס ושלום ניט אָננעמען נאָר איך פערזענלעך.. אַ גוטן טאָג"...

* * *

איז ווי אין פּסוק שטייט:

„אין יענע טעג איז ביי אידן קיין קעניג ניט געווען. און יעדער „בעזגראַמאַנטע שטיק־מאַסע" האָט געטאָן ווי עס האָט געפונען רעכטפערטיק אין זיינע אויגן".

און וואָס זעט אויס צו זיין רעכטפערטיק אין די אויגן פון דער מאַסע?

איר גערענקט דאָך, ניין?

דער גולם, דרייט זיך אָ געפאַנגענער ביים רבין אין דער דאַלאַניע; אַלץ ארום אים — פאַרהאַקט; דורך די ווענט — אפילו קיין שפּאַרע ניט פאר דער ליכטיקער שיין. שפּאַנט ער דער גולם איבערן צימער אַהער און אַהין און צוריק —אַ לייב אין אַן אייזערנער שטייג געפּענטעט. קריכט ער אין בעט אריין, און פּרוּווט לייגן צום שטערן די קאַלטע



פּראַפּאַרקעס ,וואָס דער רבי האָט אים צוגעשריבן אויף רפואה. ליגט ער אַזוי און חלומט: „וואָס טוט זיך עס דאָ מיט מיר? בין איך טאַקע אַזוי קראַנק אַז קיין אַרבעט אין האַנט איז מיר ניט צו געטרויען? בין איך טאַקע אַזאַ קרעציקער אַז פון מיין באַווייזן זיך בלויז אויף דער לעבעדיקער גאַס קען נאָך די לופט חלילה פארפּעסטעט ווערן? באַטאַפּט ער זיינע גיגאַנטישע אַקסלען — זענען זיי ווי פון קאָנקריט געגאָסן; זיינע הענט מוסקולן — ווי שטאָל! גיט ער אַ שליידער די קאָמפּרעסן פון זיך און כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל — און... אויך עפּעס גאָר כמעשה־ניט: אמת דאָ און דאָרט — אַן אויסשיט פון פלעקן — האָט ער דאָך שוין אַזוי לאַנג קיין באָד ניט גענומען! די אויגן — פינקלט טאַקע אין זיי אַ פייערל פון מאָדנער ליידנשאַפט — קען ער דאָך אָבער פאָרט ניט פארטרייבן פון זיך דאָס בילד פון יענער שיינער פרוי, וואָס האָט זיך אַזוי פּלוצימדיק צו אים באַוויזן! און פארוואָס האָט מען עס אים אָט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס, פון איר פארטריבן? גיט ער זיך אַ צי אויס דער גולם אין זיין גאַנצער ריזיקער גרויס, כאַפּט די האַק און לויפט צו דער טיר. און וואונדער איבער וואונדער: אָט די דאָזיקע טיר וואָס האָט די גאַנצע צייט ווי אַ שטיינערנע פעסטונג אים אָפּגעטיילט פון זיין באַשאַפער — אָט די דאָזיקע טיר איז מיטן ערשטן פאַל בלויז פון זיין קליינער האַק ליגט זי אַ צעשמעטערטע ביי זיינע פיס... און דער גולם האָט דערזען דעם רבין. אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער אַ מין „גרוגרת דר' צדוקל" זיצט ער אין אַ טיפן שטול, אַן איינגעקאָרטשעטער אין דרייען אַז מען זעט אים קוים ארויס. און איבער אַ ספרל, אַ קליינטשיקס אַזאַ מורמלט ער ווי צו זיך אליין: אַ „ביצה" אויב זי ווערט געבוירן אום יום טוב איז... אַזוי?... צו אַזוי?... און דער מח ביים גולם טראַכט, טראַכט און טראַכט... פּלוצלונג צעטרייסלט זיך דער גולם אין אַ געלעכטער אַזש הימל און ערד נעמען זיך הוידען. ער גיט אַ כאַפּ דעם רבין פארן האַלדז און ברומט ארויס: דו — ר־ר־ר־רבי, איך גולם??! האַ האַ, האַ! ווער איז ווער? — — —

ליליען ר. ז.

## איינִיקל אָן מעשות

איי־ניקל פון באָבעס שוועסטער צוויי בין איך,
און פרעמד איז מיר — זייער קלאַנג און גאַנג.
— — — — — — — — — — — — —
איינע זיך צעשיידט אויף אייביק
מיט די בלומען פון איר לייב
אין אַלטן לאַנד מיט פרייד פארבליבן
איר גאָט געטריי צו דינען.
האָט זי מזל טוב אויך פרעמדע חתונות
געבענטשט,
און איך און מאַמע האָבן בענקשאַפט פון
דער ווייט געקליבן.

די צווייטע — אַ פאַרפרעמדטע —
צו אַן עלטער אין דעם נייעם לאַנד פאַרמשפּט
עלנט אין איר קינדערס וואוילטיק זיך
געוואַלגערט
מיט איר שטומען אומרו פון קינד צו קינד
געוואַנדערט
און פון איר שוועסטער
קיין וואָרט ניט דערציילט.
— — — — — — — — — — — —
בין איך אויסגעוואַקסן אָן מעשיות — פון
אַמאָל —
פון טאַטע־מאַמעס קינדער־יאָרן,
וואָס ליבע באָבעס קענען שענקען.

אליהו שולמאַן

# אָן אַ מאָס און אָן אַ אידייע*)

חיים ליבערמאַן שרייבט שוין ליטעראַטור קריטיק אַ לענגערע צייט. ער האָט שוין אויף דעם געביט ארויסגעגעבן פינף ביכער און דאָך פאַרנעמט ער ניט אין דער יידישער ליטעראַטור קריטיק יענעם פּלאַץ וואָס ער האָט געקאָנט פאַרנעמען און וואָס עס וואָלט אים געקומט.

עס מוז דאָך זיין אַן אורזאַך פאַרוואָס ליבערמאַן האָט נאָך אַזויפיל יאָרן פון שרייבן ניט פאַרנומען קיין אָרט אין אונדזער ליטעראַטור קריטיק — אַן אָרט וואָס, מיט זיינע פעאיקייטן, האָט ער געקאָנט פאַרנעמען.

די סיבה פאַרוואָס ליבערמאַן האָט ניט פאַרנומען קיין וויכטיקע פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַטור קריטיק איז גרינג צוגעפינען ווען מען לייענט זיין לעצטן בוך*). ליבערמאַן האָט ניט קיין אידייע און ער האָט ניט קיין מאָס — די צוויי הויפּט פאָדערונגען פון ליטעראַטור קריטיק. אָבער ער פאַלט אריין אין התפעלות אָדער ער שרייט אויף די העכסטע טענער אַז עס טויג ניט. אין דעם בוך וואָס מיר רעצענזירן זענען פאַראַן צוויי אַרטיקלען וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור. אין זיין אַרטיקל וועגן מלכה לאָקער צעזינגט ער זיך אויף די העכסטע טענער וועגן אָט דער מיטלמעסיקער דיכטערין, און אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן י. י. שוואַרצס איבערזעצונגען פון דער מיטלאַלטערליכער העברייאישער פּאָעזיע צושרייט ער זיך אויפן קול אַז עס טויג ניט.

ליבערמאַן שרייבט שיין און פּאָעטיש, ער ווערט אַליין פאַרבלענדט פון זיין שרייבן און אַז עס געפעלט אים ניט י. י. שוואַרצס איבערזעצונג פון שלמה איבן גבירולס אַ סליחה שרייט אויס ליבערמאַן: „ווען איך זאָל אפילו וויסן אַז איך בין פאַרמשפּט אויף אייביקן גיהנום און ווען איך וועל זאָגן שוואַרצס סליחה וועל איך קריגן אייביקן גן עדן, וואָלט איך בעסער אויסגעקליבן דעם גיהנום איידער קומען פאַר גאָט מיט אַזאַ אָרעמען, אויסגעבלייכטן געבעט”. אָט די סאָרט מליצה און איבערטריבנקייט צוזאַמען מיט זיין אידייען לאָזיגקייט זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ער איז ניט געוואָרן קיין וויכטיקע קראַפט אין אונדזער ליטעראַטור קריטיק.

אין זיין אָפּהאַנדלונג „די ליטעראַטור אויפן שייד וועג” אַנטוויקלט ליבערמאַן דעם טעזיס אַז די ליטעראַטור האָט פאַרלאָרן איר קראַפט און איר ווירקונג. אַמאָל האָט ליטעראַטור פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונדזער לעבן, אָבער איצט איז זי פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ טעמפּן ווינקל.

ליבערמאַן גיט אָן פיל אורזאַכן פאַר דעם צושטאַנד: די שטאָט, די מאַשינען, דאָס פאַרשווינדן פון דער אומזיכערקייט האָבן אַלע געווירקט אַז די ליטעראַטור זאָל אָפּטרעטן איר אָרט. דאָס צעמישעניש, דער כאַאָס און די האָפענונגסלאָזיקייט וואָס עס האָבן באַהערשט דער מענטשהייט האָבן אויך גורם געווען אַז די ליטעראַטור זאָל זיך געפינען אין אַ צושטאַנד פון צעמישעניש. דער פּראָגרעס פון דער וויסנשאַפט האָט גורם געווען אַז געוויסע גרויסע ליטעראַרישע ווערק, ווי הויפּטמאַנס און איבסענס, האָבן פאַרלאָרן זייער ווערט ווייל זיי זיינען

*) ביכער און שרייבער פון חיים ליבערמאַן, ניו־יאָרק 1933 — 300 זייטן.



באַגרינדעט געווען אויף ניט רעאַלע פאַקטן. די ליטעראַטור האָט אויך פאַרלאָרן איר מאָראַלישע קראַפט ווייל אונדזער מאָראַל איז געפאַלן. פריער האָט אַ ווערק וואָס האָט געשילדערט מאָרד, ווי דאָסטאָיעווסקיס, „פאַרברעכן און שטראָף”, אָנגעמאַכט אַ רושם, אָבער איצט — נאָך דער וועלט מלחמה ווען מיליאָנען מענטשן זיינען געפאַלן — קאָן קיין שום ווערק, וואָס שילדערט מאָרד אָדער פאַרברעכן ניט ארויסרופן קיין געפיל ביים לעזער, ווייל אַ מענטשלעכער לעבן איז היינט גאָרנישט ניט ווערט. ליבע, וואָס איז פריער געווען איינע פון די הויפּט מאָטיוון פון דער ליטעראַטור, קאָן שוין איצט ניט פאַרנעמען קיין וויכטיקן אָרט — ווייל די ליבע שפּילט ניט קיין גרויסע ראָליע אין היינטיקן לעבן.

דער מענטש האָט פריער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, אָבער איצט פאַרשווינדט דער מענטש און זיין אָרט פאַרנעמט דער קאָלעקטיוו און דער קאָלעקטיוו קאָן ניט דינען ווי אַ טעמע פאַר דער ליטעראַטור ווי דער איינצעלנער מענטש. און ליבערמאַן דערציילט אונדז ווייטער אַז דער קאָמוניזם טרעט ארויס געגן דעם געפיל פון פריינטשאַפט, ליבע, רחמנות, בענקשאַפט, פּעסימיזם, טרוימעריי, מיסטיק, אַנגסט פאַרן טויט און רעליגיעזיטעט.

ליבערמאַן האָט דאָ אויפגעמישט פּראָבלעמען, האָט פאַרפּלאָנטערט זאַכן אַזוי אַז עס איז שווער עפּעס צו דערגיין, נאָר זיין גאַנצער טעזיס איז קיין טעזיס ניט ווייל ער האַלט ניט די מינדעסטע קריטיק.

די ליטעראַטור ווירקט און באַווירקט מענטשן איצט מער ווי ווען עס איז אַנדערש. מענטשן לייענען איצט מער און גיבן זיך אָפּ מיט ליטעראַטור מער ווי ווען עס איז פריער. אויב די ליטעראַטור רופט ניט ארויס מענטשן דירעקט צום קאַמף גרייט זי זיי צו צום קאַמף. די ליטעראַטור ברענגט צו דעם לייענער נייע געדאַנקען און בייט איבער זיין גאַנצע וועלט אַנשוינונג. מאַשינען קאָנען זיין און זיינען אַזאַ גוטע טעמע פאַר דער ליטעראַטור ווי די נאַטור אָדער אפילו חיות. אין סאָוועטן פאַרבאַנד האָבן מיר אַ רייכע ליטעראַטור וועגן אויפבוי און איבערבוי. דער כאַאָס אין דער וועלט קאָן צומישן נאָר יענעם שרייבער וואָס האָט ניט אָדער ווייס ניט קיין אויסוועג, אָבער יענער שרייבער וואָס האָט אַ געוויסע אידעאָלאָגיע און ספּעציעל דער וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן מאַרקסיזם, וואָס גלויבט אין זיג פון אַרבעטער קלאַס און אין דעם ליכטיקן מאָרגן — אָט דער שרייבער איז ניט צומישט און זיינע ווערק זיינען ניט דורכגעדרונגען מיט האָפנונגסלאָזיקייט.

עס איז אמת אַז הויפּטמאַנס און איבסענס ווערק זיינען אומגעפאַלן דערפאַר וואָס זיי זיינען ניט באַגרינדעט געווען אויף דער וויסנשאַפט. אָבער מיינט דאָס אַז זיי האָבן פאַרלאָרן זייער ווערט? זיי זיינען אפשר ניט אַזויפיל ווערט פאַר אונדז ווי זיי זיינען געווען פאַר די מענטשן פון זייער דור — אָבער די ווערק זיינען וויכטיק פאַר אונז ווייל מיר באַקענען זיך מיטן געדאַנקען גאַנג און די איבערלעבונגען פון יענע מענטשן. צו זאָגן אַז הויפּטמאַנס ווערק זיינען איצט ווערטלאָז ווייל זיי זיינען ניט באַגרינדעט אויף דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז דאָס זעלבע ווי צו זאָגן אַז שעקספּירס „האַמלעט” איז ווערטלאָז פאַר אונדז ווייל דער גייסט פון טויטן קעניג שפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין דער דראַמע.

געוויס מוז אונדזער היינטיקע ליטעראַטור זיין דורכגעדרונגען מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט. און אויב אַ ווערק זאָל זיין באמת גרויס, מוז דאָס ווערק זיין דורכגעדרונגען מיטן מאַרקסיזם — דער איינציקער מעטאָד וואָס גיט אונדז אַ ריכטיקע וועלט אַנשוינונג.

און וועגן מאָראַלישקייט? קיין שום ווערק וועגן לעבן אָדער טויט קאָן ניט מאַכן קיין רושם אויפן קאַפּיטאַליסט, וואָס לעבט פון רויב און מאָרד. אָבער אַרבעטער ווערן יאָ אויפגעשטורעמט פון אַ גרויס ווערק וואָס שילדערט מאָרד.

אין אונדזערע אייגענע טעג האָבן באַרביוסעס „דאָס פייער“, צוויַיגס „סאַרזשענט גרישע“, רענס „מלחמה“, רעמאַרקס „אַלץ איז רואיק אויף מערב פראָנט“ געמאַכט אַ רושם אויפן לייענער. אָט די ווערק וואָס שילדערן די הריגות פון דער וועלט מלחמה, האָבן אַרויסגערופן כעס און צאָרן ביי דער ראַדיקאַלער מענטשהייט.

ליבערמאַנס גאַנצע רייד אַז אין ראַטן פאַרבאַנד טאָר מען נישט שרייבן וועגן איינצעלנעם מענטשן, אַז מען טאָר ניט שרייבן וועגן ליבע, טרוים, — זיינען ניט מער ווי רייד פון אַ שונא וואָס איז בלינד פון האַס. אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור גיט מען זיך אָפּ מיט אַלע פּראָבלעמען, און נאָר אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועלן טרוימעריי און ליבע פאַרנעמען דעם הויפּט פּלאַץ סיי אין לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור.

אין זיין אַרטיקל וועגן דעם „שיקזאַל פון יידיש אין אַמעריקע“ אַנטוויקלט ליבערמאַן דעם געדאַנק אַז אונדזער ליטעראַטור מוז דאָ שטאַרבן, ניט דערפאַר וואָס זי האָט ניט קיין לעזער נאָר דערפאַר וואָס זי וועט ניט האָבן קיין שרייבער. ליבערמאַן דענקט אַז אַ ליטעראַטור קאָן עקזיסטירן אָן לעזער אָבער ניט אָן שרייבער. אַזוי ווי קיין נייע שרייבער וועלן ניט צוקומען וועט אונדזער ליטעראַטור שטאַרבן. דער איצטיקער דור שרייבער איז דער לעצטער. דער יידישער שרייבער דאַרף אָננעמען דעם אונטערגאַנג — און פון דעם אונטערגאַנג דאַרף דער יידישער שרייבער שאַפן קונסט.

נו, די פּראָבלעם פון יידיש אין אַמעריקע איז אַן אָנגעווייטאָקטע. די צוקונפט איז ניט קלאָר. עפּעס מוז געטאָן ווערן. אָבער אָנעמען דעם אונטערגאַנג און שרייען „לאָמיר שוין שטאַרבן“ איז געוויס ניט קיין אויסוועג. מען מוז דעראָבערן אַ לייענער פאַר דער ליטעראַטור ווייל אָן אים קאָן ניט זיין קיין ליטעראַטור — ווי זי קאָן ניט זיין אָן שרייבער. ליבערמאַן מאַכט אַ טעות ווען ער זאָגט אַז די פילאָזאָפישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט הגם זי האָט ניט געהאַט קיינע לייענער, די פילאָזאָפישע ליטעראַטור האָט יאָ געהאַט לייענער. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט ווייל זי האָט געהאַט אי שרייבער אי לעזער, און דער לעזער האָט געפאָדערט ליטעראַטור. מיר דאַנקען ליבערמאַנען פאַר זיין עצה פון אונטערגאַנג. מיר ווערן ניט נתפעל פאַר זיין לויב־געזאַנג דעם אומקום. מען מוז קריגן אַן אוידאָטאָריע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, במילא וועלן שוין זיין שרייבער און אַ ליטעראַטור.

ליבערמאַנס אַרבעט וועגן דער „נשמה פון דער יידישער ליטעראַטור“ איז אַ סענטימענטאַלע, אימפּרעסיאָניסטישע עסיי. מיר האָבן דאָ ניט קיין געשיכטע און ניט קיין אָפּשאַצונג. מיר האָבן דאָ בלויז באַמערקונגען, פאַרצייכנונגען און אימפּרעסיעס. ער מאַכט פון אונדזער ליטעראַטור עפּעס אַ חלושל און אַ נעבעכל. ווען ער קומט צו אָפּשאַצן די שרייבער מישט ער אויף איין קנויל בערגלסאָנען — מיט... ציליע דראַפּקין, יהואשן מיט... יואל סלאָנימן, מאַרקישן מיט... ווינאָגראַדן, נאָמבערגן מיט... אַשעראָוויטשן. קיין ריכטיקע בילד פון אונדזער ליטעראַטור וועט דער לעזער פון דער אַרבעט ניט קריגן.

אַ קאָמישן איינדרוק מאַכט אָבער דאָס וואָס אין דער צייט ווען ער טרעט אַרויס אַזוי שאַרף נעגן מאַני לייבן און נעגן ראַלניקן זינגט ער אַ לויב געזאַנג אויף די העכסטע טענער צו... מלכה לאָקער. ליבערמאַן שרייט אויס אַז זי האָט דערזען „די מאָדערנע גאַלגאַטיע וואָס הייסט פאַבריק, די וויא דאַלאַראָזאַ וואָס הייסט ניו יאָרק... זי האָט געזען דעם שרעק, אָט דעם קאַשמאַר פון קאַשמאַרן וואָס הייסט נויאָרק“. נו, אונטער דעם קאַפּיטאַליזם איז טאַקע די פאַבריק אַ גאַלגאַטאַ. עס איז אָבער איבערטריבן ווען מען צושרייט זיך אַז ניו יאָרק איז דער קאַשמאַר פון קאַשמאַרן.



* * *

נאָכדעם ווי דער אַרטיקל איז שוין געווען אָנגעשריבן איז חיים ליבערמאַן אַרויס מיט אַ בריוו (אין „אויפקום“ יאַנואַר־פעברואַר, 1934) וואו ער לאָזט וויסן דער גאַנצער וועלט אַז ער גייט אַוועק פון דער ליטעראַטור. די אורזאַכע איז אַ פּשוטע. אַזוי ווי געוויסע שרייבער האָבן זיך אונטערגעגעבן צו היטלערן און מוסאָלינין ווייזט דאָס אַז די ליטעראַטור טראָגט מער נישט קיין שיינקייט, אַז זי ברייננגט מער ניט קיינע אידייען — אַז זי איז געוואָרן אויס באַשיצערין פון דעם אונטערדריקטן און פאַרשקלאַפּטן — נאָר אַז זי איז געוואָרן אַ באַדינערין ביי די אונטערדריקער און שקלאַפּן־טרייבער. די שרייבער האָבן זיך אונטערגעגעבן צו היטלערן ער איז אָבער זיכער אַז ווען די קאָמוניסטן וואָלטן געזיגט אין דייטשלאַנד וואָלטן די זעלבע שרייבער געוואָרן „קאָמוניסטן“.

די ליטעראַטור איז דעריבער געוואָרן פאַר ליבערמאַנען אַן אויסוואורף, און דאָס שרייבערייַ אַ — שמוציקע אַרבעט. די ליטעראַטור איז געוואָרן אַ באַדינערין און זי באַדינט יעדן איינעם. דעריבער פאַרלאָזט ער די ליטעראַטור. אָט דער אַרויסטריט ליבערמאַנס קאָן זיין פאַר געוויסע מענטשן אַן איבעראַשונג — אָבער ניט פאַר יענע וואָס זיינען באַקאָנט מיט זיין אַרט שרייבן אָדער דענקען. אויך דאָ האָט ליבערמאַן גענומען אַ געוויסע אידייע און האָט איר אַזוי פאַרפּלאָנטערט אַז עס איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק.

ערשטנס, האַלט ליבערמאַן אַז ליטעראַטור דאָס איז נבואה. ליטעראַטור דאָס איז רוח הקודש, ליטעראַטור איז דער אַבסאָלוטער אמת. וואָס איז אין אמתן ליטעראַטור? דאָס איז די פאָרמע אין וועלכער אַ פאָלק דריקט זיך אויס. ליטעראַטור פאַרקערפּערט אין זיך די אידייען און איבערלעבענישן פון אַ געוויסן פאָלק אין אַ געוויסן פּעריאָד. אין אַ צייט ווען דאָס פאָלק איז פּראָגרעסיוו איז די ליטעראַטור פּראָגרעסיוו. און פאַרקערט, ווען דאָס פאָלק איז צוריקגעשטאַנען איז זיין ליטעראַטור צוריקגעשטאַנען. אויב מיליאָנען דייטשן שטיצן היטלערן, אויב מיליאָנען גלויבן אין אים און אין זיין פילאָזאָפיע — פאַרוואָס זאָלען זיך ניט געפינען קיין שרייבער וואָס זאָלן אָט די „אידעאַלן“ פאַרקערפּערן אין דער ליטעראַטור. — דאָס הייסט אין אָנגעשריבענער פאָרמע? געוויס ווערן איצט אַרויסגעגעבן ביכער אין דייטשלאַנד. געוויס דרוקט מען פיל סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין איטאַליען. און אָט די „ווערק“ ווערן פאַרקערפּערט די „אידעאַלן“ פון פאַשיזם. אָבער איז דאָס ליטעראַטור? אמתע ליטעראַטור, צום אונטערשיידן פון דרוק זאַכן, מוז טאַקע פאַרקערפּערן דאָס שיינע, דאָס גוטע און דאָס אמתע. אָבער האָט איטאַליען נאָך צען יאָר פאַשיזם געשאַפן עפּעס ווערטפולעס אויפן געביט פון ליטעראַטור? אַבסאָלוט ניט. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ גרויסע איטאַליענישע ליטעראַטור הגם מוסאָליני פאַרמאָגט גענוג שמירער וואָס „שאַפן“. אַלע שאַפנדע קרעפטן פון דייטשלאַנד זיינען אין גלות. אין דייטשלאַנד דרוקן זיך טאַקע איצט זייער פיל ביכער. די פראַגע איז אָבער צו זיי וועלן פאַרבלייבן אין דער ליטעראַטור. לויט ווי עס ווייזט זיך אויס וועלן זיי אַלע אָפּשטאַרבן מיטן פאַשיזם.

עס איז איבערהויפּט לעכערלעך ווען ליבערמאַן שרייבט אַז ער גייט אַוועק פון אונדזער ליטעראַטור. אויב אין געוויסע ליטעראַטורן האָבן גרויסע שריפטשטעלער אַמאָל געדינט דעם הערשער, איז אָבער די יידישע ליטעראַטור שטענדיק געווען אַ ליטעראַטור פון דעם אונטערדריקטן און פאַרפאָלגטן. די יידישע ליטעראַטור איז שטענדיק געווען אויפן זייט פון גערעכטיקייט (איך מיין דאָ די שיינע ליטעראַטור און ניט די זשורנאַליסטיק).

ליבערמאַן באַרירט אויך די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. ער וויל פאַרניכטן זיין בוך וועגן אָניעלן דערפאַר וואָס אָט דער אַמעריקאַנער שרייבער האָט זיך דערלויבט צו

מאַכן עטלעכע אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען. געווים איז זייער שמערצלעך ווען שרייבער, און נאָך טאַלאַנטירטע צו דערצו, ווייזן ארויס אַנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס איז שוין אן אַלטע מכה וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלן צוגאַנג.

אַזוינע גרויסע שריפטשטעלער ווי פּושקין און דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו האָבן זיך באַצויגן צו די יידן ווי פּשוטע אַנטיסעמיטן. אַפילו טאָלסטאָי האָט געהאַט אַ קאַלטע באַציאונג צו די יידן. אויך ליעסקאוו, לערמאנטאָוו, סאלטיקאוו, שטשעדרין, האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צום יידן. די ענגלישע ליטעראטור האָט ניט ארויסגעוויזן קיין צופיל סימפּאַטיע צום יידן. זאָלן מיר זיך דערפאר אַנטזאָגן פון די שרייבער דערפאר וואָס זיי ווייזן ניט ארויס קיין פארשטענדעניש פארן יידן און פאר דער יידישער פּראָבלעם? מיט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר וועט מען געווים גאָרנישט ניט אויפטאָן. מען דארף די אַלטע ליטעראטור גובר זיין. מען ווארפט אָפּ דאָס פּיינטלעכע און מען ירשנט דאָס ווערטפולע.

## לייבל בלעכמאַן

# שטראָמען

אויף ברויזנדיקע פלאַכן פון ימען,
פּאָכן ווינטן, פריי פון צוימען — —
שפּרייטן זיך וועגן, פון משקולתדיקע גאַנגען, —
שטראָמען פון אומרו, ווילן וועלטן פאַנגען — — —

ווי בייזע שלאַנגען, קאָלערן זיך יאַמיקע וועגן —
ווען מוראדיקע האָריזאָנטן, ניִדערן אַנטקעגן
די פישערס זעגלען, די הילצערנע שיפן —
דער שטורעם-געווירבל, שלעפּט אַראָפּ, צו טויטע טיפן — — —

אָבער אַז סע קומט אָן אַ שיף, פון שטאָל און אייזן,
וואַקלען זיך כוואַליעס, און ברויזן —
הויבן זיך און פאַלן, צו געגנערס גבורה — —
אויף די מאַסטן, וואָיען ווינטן אויס דעם זיג, ווי אויף אַ לירע — —
און די שטראָמען פּאַדען אַרום, — טאַנצן קוריאָז,
ווי באַזיגטע הינטלעך, אַרום אַ שטרענגן באַלעבאָס — — —

אַזוי בויגן זיך שטראָמען, אַרום שיפן שטאָלענע
און פאַלן אין חנופה, און קושן די זוימען —
לויפן נאָך און שוימען —
ביז זיי פאַלן פון הינטן, פאַרבענקטע — — געפאַלענע — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.